

# א משל זיך צו לערנען

## פרשת שלה

> וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם. לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי, וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם.

**ערגעץ** ווייט, אין א פארווארפענע, פינצטערע און שמאלע געסל, אין א פארווארפענע חורבה, האט געוואוינט א מענטש. אבער ווען איך זאג "געוואוינט", מיין איך נישט א נארמאלע וואוינארט, חס ושלום. די דאזיגע דירה איז געווען איין שטיק חורבן. די ווענט זענען געווען שווארץ, באדעקט מיט יארן-לאנגע שיכטן פון רפש וטיט. די פאדלאגע איז בכלל נישט געווען קענטיג; ס'איז געווען איין גרויסע זומפ פון קלעבעדיגע בלאטע, מיסט, און צעפוילטע אפפאל וואס האט זיך אנגעזאמלט פון יארן פון אומאכטונג געבן.

**ממש** אין יעדע ווינקל פון די כאטקע האבן זיך געוואלגערט הויפענעס פון שמוץ, די שפינוועבס זענען געווען געדעכט ווי פארהאנגען, און די גערוך... אוי געוואלד, דער גערוך וואס האט זיך דארט געטראגן, איז געווען עפעס וואס קען פשוט אראפווארפן א מענטש פון די פיס! עס איז געווען אזוי עקלדיג און דערשטיקנד, אז אפילו די לופט אינעווייניג האט אויסגעזען גראב. און אין דעם דאזיגן טיפן טונקעלן חורבה, זיצט אונזער חכם - דער בעל הבית פון די דירה, און לעבט זיך זיין טאג-טעגליכן לעבן, אינגאנצן איגנארירנדיג דעם מצב ארום אים. זיין קליידער זענען געווען איין שטיק קליי, זיינע הענט און פנים זענען געווען פארשמירט מיט בלאטע, און ער האט דאס אלץ אנגענומען אלס א נארמאלע ערשיינונג.

**איין** שיינעם טאג, אינמיטן זיצן אין זיין טונקעלן חורבה, פאלט אים איין א בליץ אין קאפ. ער קוקט זיך אזוי ארום אויף די שווארצע, שימליגע ווענט, און טראכט צו זיך בקול רם: **"אהו! איך קוק מיך אזוי ארום... עפעס פעלט דא אין מיין הויז! ס'איז עפעס צו טונקל, צו אנגעווארפן, ס'פעלט שיינקייט, ס'פעלט מיר חיות! איך דארף אביסל אריינברענגען פראכט אין מיין לעבן! לאמיר אריינברענגען א רייכע קונסט-ווערק, א טייערע הערליכע בילד,** צו באשיינען די ווענט פונעם הויז און ארויפברענגען דעם ניווא פון מיין וואוינארט!"

**געטראכט** און געטון. דער בחור נעמט זיינע לעצטע אנגעזאמלטע גראשנס, טרעט ארויס פון זיין פארזשעווערטע דירה, און לאזט זיך ארויס צום גרויסן, קורצענדיגן שטאט. צו די סאמע טייערסטע, מערסט עקסקלוסיווע קונסט-גאלעריע אין די גאנצע גלילות.

**מיט** אפגעריסענע קליידער טרעט ער אריבער די שוועל פון די רייכע קעניגליכע גאלעריע. זיין אטעם כאפט זיך ווען ער זעט ווי אלעס ארום שיינט און בלישטשעט; די ציכטיגע מארמארנע פלאר פליקערט ווי שפיגלען ממש, און ער הייבט אן זוכן די שענסטע, מערסט רייכסטע זאך וואס די מענטשליכע אויג קען נאר משיג זיין.

**פלוצלינג,** פאלט זיין בליק אויף עפעס, און ער ווערט **פשוט צוגענאגלט צום ארט! א הערליכע, דראמאטישע, מייסטערהאפטיגע בילד - א קונסט-ווערק וואס יעדע איינציגסטע שטריך דערין דערוועקט א התפעלות. ס'איז א לעבעדיגע מאלעריי פון א הערליכן קעניגליכן פאלאץ, געמאלן מיט די סאמע טיפסטע, רייכסטע קאלירן, ארומגענומען מיט א מאסיוון, שווערן גאלדענעם רעם, באצירט מיט קליינע טייערע דימענטן און פערל-שטיינער וואס פינקלען און שפילן מיט די ליכטיגקייט פון יעדע ווינקל.** דאס איז נישט סתם א בילד; ס'איז א יצירה וואס איז באשאפן געווארן צו באשיינען די פאלאצן פון קעניגן און הערן, אראפצוברענגען פראכט אין די שענסטע פאלאצן!

**אן** קיין צווייטע טראכט, צאלט ער אפ דערויף א הון תועפות, דאס גאנצע רכוש וואס ער פארמאגט, ער נעמט דאס שווערע, בילד מיט גרויס כבוד, און הייבט אן זיין שווערן וועג צוריק. ווי א מלך קערט ער זיך אום! ער שוועבט ממש אין די ליפטן! זיין הארץ קלאפט פון אן אומגעהויערע התרגשות, "אט אט... אט אט גייט מיין צעבראכענע הויז זיך פארוואנדלען אין א פאלאץ! די ארימקייט און פינצטערניש גייט פארשווינדן ווערן, און אלעס וועט שיינען בכבוד'יג!" טראכט ער צו זיך מיט א צעמישטע שטאלץ.

**ער** קומט אן אהיים. ער טרעט קליינע טריט אריין אינעם הויז, און... **פלאטש!**

**זיין** פוס זינקט טיף אריין ביז איבער די קנעכל אין א פרישע, קאלוזשע פון שמוציגע וואסער וואס האט נארוואס ארויסגערינען..... מיט גרויס פלאג און אפקומעניש שלעפט ער אריין דאס גאלדענע בילד אינעווייניג אין די טיט ורפש. ער דארף ממש אוועקשטופן מיט הענט און פיס א הויפן פון צעפוילטע קארטאפל, אלטע מיסט זעק וואס ציען פליגן, און שטיקער שימל, נאר צו קענען צוקומען צו די וואנט.

**איין** סעקונדע שטעלט ער אראפ דאס בילד אויף דער ערד - און שומו שמים! די הערליכע אונטערשטע טייל פונעם גאלדענעם רעם ווערט גלייך באדעקט און איינגעזאפט מיט א דיקע שיכט פון שווארצע בלאטע. ער כאפט אן אלטע, צעריסענע שמאטע, און פראבירט אויפצומאכן כאטש א קליינע פינטעלע אויף די שווארצע, שימליגע וואנט, בלויז כדי ער זאל קענען אריינקלאפן דעם נאגל.

**"קראך!"** דער נאגל גייט אריין, די וואנט איז גרייט. **און דאן... מיט א גרויס פאמפע, פילענדיג ווי א קעניג ביי זיין קרוין-טאג, הייבט ער אויף דאס טייערע, רייכע בילד, און ער הענגט עס אויף!** ער טרעט צוריק צוויי טריט צו באוואונדערן זיין ארבעט, נאר זיך אנצוקלאפן אין אן אלטע, צעבראכענע, דריי-פיסיגע בענקל פול מיט שפינוועבס און שטויב, און ער גיט א קוק.

**פונקט** אין יענע מינוט, פאסירט דאס אומערווארטעטע. די טיר גיט זיך א קראך אויף. א נאנטער פריינט זיינער, אן אמת'ער קלוגער איד קומט אים באזוכן. דער חבר עפנט די טיר, און בלייבט פשוט פאראליזירט!

**ער** דערזעט א סצענע וואס איז אבסורד ביז גאר! ס'איז ממש א סתירה מיניה וביה! ער זעט ווי אינמיטן דעם שרעקליכן חורבן, אינמיטן די גאנצע אפגרונד פון שמוץ, מיסט, און רפש וואס שטינקט אוועק, הענגט די קרוין פון די קונסט-וועלט - א גאלדענע, טייערע מאלעריי!

**דער** שרעקליכער קאנטראסט איז עפעס אזוי הויך און הילכיג! דאס פליקערדיגע גאלד באשיינט נישט דאס ארט, נאר פונקט פארקערט - עס באלייכט די שווארצע בלאטע, מאכנדיג מען זאל זען די גאנצע שרעקליכע נאגעלאזיקייט נאך טויזנט מאל קלארער! די רייכע, העל-לעבעדיגע קאלירן פון די מאלעריי שרייען ארויס אקעגן די גרויליגע עקל וואס נעמט איר ארום.

**דער** חבר קען זיך שוין מער נישט איינהאלטן. עס פלאצט אים ארויס פון הארץ א הילכיגן געלעכטער וואס מישט זיך גלייך מיט א טיפע רחמנות און ווייטאג. ער קוקט אן זיין פריינט ווי מען קוקט אויף א מענטש וואס איז אינגאנצן אראפ פון די רעלסן.

**"רבונו של עולם!!" שרייט ער אויס ארויס פון די כלים מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל, ביסטו דען גענצליך אראפ פון זינען?! האסטו אינגאנצן פארלוירן דיין דעת?! נו, פרעג איך דיך א פשוט'ע קשיא, יעדער בר דעת פארשטייט דאך גלייך אויפן ערשטן בליק אז דאס איז א פשוט'ע, הימל-שרייענדע נארישקייט! דאס מאכט דאך אבסאלוט נישט קיין טראפ סענס! וואס האסטו דא געטון, למען השם?!"**

**דער** בעל הבית, ווי א תמימות'דיג קינד וואס כאפט נישט די מציאות, קוקט אים אן מיט גרויסע, פארוואונדערטע אויגן, **"וואס הייסט? פארוואס שרייסטו? איך האב בסך הכל געוואלט באשיינען מיין ארימע דירה! זעסטו דען נישט ווי שיין און הערליך עס איז? א פאלאץ איז געווארן ביי מיר אין שטוב!"**

**דער** פריינט נעמט זיך שרייען מיט נאך א סאך א העכערע טאן:

**"שוטה** שבעולם! ס'פעלט דאך די גאנצע אינערליכע תכלית פונעם זאך!! הער זיך איין וואס איך זאג דיר: א טייער בילד קומט ארויסצוברענגען די שיינקייט פון א פאלאץ, פון א שיינע הויז, נאר אין א ריינע, מסודר'דיגע פלאץ!

**א קרוין לייגט מען אויף א קעניג, נישט אויף א פערד!** ווען דו ברענגסט אריין אזא רייכע, נאבעלע חפץ אין אזא עקלדיגע חורבה, באשיינט עס בכלל נישט דאס הויז! נאר פארקערט - **עס**

**מאכט פשוט חוזק און שפאט פון די בילד זעלבסט!** עס שטרייכט אונטער נאך פיל מער דיין נארישקייט, און די עקלדיגע שמוץ וואס נעמט דיך ארום! דער קאנטראסט שרייט דאך ביז צום הימל!

**אויב** דו ווילסט טאקע, באמת שיין מאכן דיין דירה; אויב די האסט טאקע אין דיר א טיפע רצון צו וואוינען אין א בכבוד'יגע, ריינע, שיינע אטמאספערע, מוזטו דאך קודם כל גיין צו די בעסיקס, צו די יסודות! מ'קען נישט בויען קיין דאך פאר מ'האט געגאסן א פונדאמענט!

**דו מוזט קודם כל, בעפאר אלעס, נעמען א גרויסן, בעזעם! דו דארפסט אויפרייסן די פארשטאפטע פענסטערס, לאזן די פרישע לופט אריינקומען! אריינשלעפן צענדליגע עמערס מיט הייסע זייף און וואסער, אויפשארצן די ארבל, און זיך נעמען צו דער שווערע ארבעט מיט דיין גאנצע מענטשליכע קראפט!**

**דו מוזט גוט אפפוצן און אויסרייניגן ביזן גרונד די אלע יארן-אלטע שיכטן פון שמוץ! קראץ אראפ די בלאטע מיט אלע דיינע כוחות, ריין אויס דעם עקלדיגן טיט ורפש, ווארף ארויס די אלע צעפוילטע אפפאל פון שטוב, רייב און וואש ביז די פלאץ וועט זיין ריין, ציכטיג און קלאר ווי א שפיגל גלאז!**

**און** ערשט דעמאלטס... אה, ערשט נאכדעם וואס דאס הויז זעלבסט איז ריין געווארן, ליכטיג, לעבעדיג און פריש, א מקום ראוי... ערשט דערנאך קענסטו אריינצוברענגען דאס שיינע, קעניגליכע קונסט-ווערק און באצירן די ווענט דערמיט! **נאר דעמאלטס וועט דאס בילד קענען אפשפיגלען איר אמת'ע חן און כבוד, און נאר דעמאלטס וועט איר תכלית ארויסקומען לאור עולם און אמת'דיג באשיינען דיין לעבן!"**

**נאכדעם** וואס דער קלוגער חבר האט אפגעזאגט זיין פייערדיגע דרשה, האט ער מיט א שווער הארץ זיך אויסגעדרייט און ארויסגעגאנגען, איבערלאזנדיג דעם נער זיצן אין זיין בלאטע.

**אבער** אונזער בעל הבית? ער איז געבליבן שטייף! ער האט זיך איינגערעדט אז דער חבר איז סתם מקנא זיין נייע אוצר. ער האט זיך געלייגט שלאפן אויף זיין שטיקל פוילע שטרוי, איינגאנצן צופרידן מיט זיך, חלום'ענדיג פון זיין פרישע "פאלאץ".

**אבער...** מן השמים האט מען אנדערש געוואלט. אינמיטן די טיפע, פינצטערע נאכט, האט זיך אנגעהויבן א מורא'דיגע שטורעם-ווינט אויפן גאס. **די הימלען האבן זיך געשפאלטן מיט שרעקליכע בליצן, און פייערדיגע דונערן האבן אנגעהויבן טרייסלען די פארווארפענע געסלעך. א שווערע, שלאקס-רעגן האט זיך אראפגעלאזט מיטן פולן קראפט.**

**די** אלטע, פארשימלטע כאטקע, וואס איר דאך איז ממילא געווען פול מיט לעכער און פארפוילטע האלץ, האט אנגעהויבן נאכצוגעבן אונטער דעם דרוק. פון די סטעליע האט אנגעהויבן רינען וואסער. אבער נישט סתם וואסער! דאס איז געווען וואסער אויסגעמישט מיט די יארן-אלטע מיסט, און שווארצע שימל וואס האט זיך אנגעזאמלט אויפן דאך. צענדליגע שווארצע, דיקע טראפנס האבן אנגעהויבן טראפן דירעקט אריין אין שטוב.

**און פונקטליך וואו האט דער הויפט שטראם פון דעם שווארצן בלאטע-וואסער געטראפן איר וועג? דירעקט איבער דעם נייעם, טייערן גאלדענעם בילד!**

**טראפ** נאך טראפ, קלאפ נאך קלאפ, האט די שמוציגע וואסער געזעצט אויף די טייערע קונסט-ווערק. די רייכע קאלירן האבן אנגעהויבן רינען, דאס פליקערדיגע גאלד פונעם רעם איז געווארן באדעקט מיט א דיקע שיכט פון שווארצע בלאטע.

**אבער** דאס איז נאך גארנישט געווען. די וואנט אליין איז דאך געווען איין שטיק פוילקייט. די וואסער האט אינגאנצן צעלאזט די שיכטן פון בלאטע וואס האבן געהאלטן די וואנט אינאיינעם. דער איינציגער נאגל וואס האט געהאלטן דעם שווערן בילד האט אנגעהויבן זיך ריקן ארויס פון ארט... ס'האט זיך געהאלטן אויף א האר...און

## "קראאאארררך!!!!!"

**א שרעקליכע קול האט אויפגעטרייסלט די חורבה. דאס גרויסע, שווערע, גאלדענע בילד האט זיך ארויסגעריסן פון די פוילע וואנט און איז געפלויגן קאפ-אראפ מיט א געוואלדיגע אימפעט... פלאטש!!!** עס איז אריינגעפאלן פנים-אראפ דירעקט אריין אין די טיפע, שמוציגע זומפ פון שמוץ אין צענטער פון די שטוב!

**דער** נער כאפט זיך אויף פון שלאף מיט א שרעק. זיין הארץ קלאפט ווי א האמער. ער צינדט אן א קליין לעכטל מיט ציטערדיגע הענט, און דאס בילד וואס אנטפלעקט זיך פאר זיינע

אויגן שניידט אים ווי מיט מעסערס. **ער לויפט צו, ער פאלט אריין אין די בלאטע מיט זיינע קניען, און מיט ביידע הענט פרובירט ער ארויסצושלעפן זיין טייערע אוצר פון די זומפ.**

**ווען** ער דרייט עס איבער... אוי גוואלד, די הארץ רייסט! **ס'איז שוין נישטא קיין בילד!** די שיינע פאלאצן זענען געווארן איין גרויסע אויסגעשמירטע פלעק פון פוילע בלאטע. די קאלירן זענען אינגאנצן צעגאנגען און פארמישט געווארן מיט די שטוב'ס שמוץ. דאס בילד וואס האט געקאסט א הון תועפות איז פארניכטעט געווארן אויף אייביג, און דער גאלדענער רעם איז געווען צעבראכן אויף שטיקער.

**ער** פאלט אראפ אויף דער ערד, שרייענדיג א ביטערע, געוויין וואס האט זיך געהערט ביז צום עק שטאט. **"אוי וויי! מיין חבר איז געווען גערעכט! אוי מיין געלט! אוי מיין שיינקייט! ווען מען ברענגט אריין עפעס טייער און ריין אין א פלאץ פון בלאטע, ווערט דאס נישט באשיינט... עס ווערט פארניכטעט און פארלוירן פאר אייביג!"**

**טייערע** ברידער, לאמיר אריינטראכטן אין די נמשל, דער באשעפער אליין קומט צו יעדן איד און זאגט אים: "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם" (שמות כה, ח). זאגט דאך דער הייליגער אלשיך הקדוש: **עס שטייט נישט "בתוכו" אין דעם בנין בית המקדש, נאר "בתוכם" - בתוך כל אחד ואחד! אין יעדן איד באזונדער!**

**אזוי** אויך זאגט דער פסוק "כִּי אֲנִי ה' שֹׁכֵן בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (במדבר לה, לד). **דער רבונו של עולם, מלך מלכי המלכים, וויל קומען וואוינען ביי דיר אין שטוב! ער וויל אריינברענגען די גרעסטע אוצרות, דאס טייערסטע און שענסטע קונסט-ווערק פון קדושה וטהרה - זיין הייליגע שכינה - דירעקט אין דיין הארץ!**

**אבער** דא שטעלט זיך א שטארקע פראגע, גענוי ווי אינעם משל: קען מען אריינברענגען די הייליגע שכינה, דעם עונג פון ריינע תורה און מצוות, אין א דירה וואס איז אנגעפילט מיט די רפש וטיט פון תאוות און שמוציגע מחשבות?! אויב א מענטש לאזט זיינע אויגן פליען ווי אומגערופענע געסט צו יעדע פוסטע און עקלדיגע זאך אויפן גאס, אויב זיין מח איז א זומפ פון גשמיות'דיגע גלוסטענישן, ווי קען דער "הערליכער בילד" פון קדושה זיך דארט האלטן?

**דאס** איז פונקטליך וואס דער נביא ירמיהו שרייט ארויס פון טיפן הארץ: "נִירוּ לָכֶם נִיר וְאַל תִּזְרְעוּ אֶל קוֹצִים" (ירמיהו ד, ג). טייערע אידן, אקערט'ס ענקער לאנד (ניר), אבער טוטס נישט זייען ענקערע טייערע זוימען דירעקט אריין צווישן די דערנער און שטעכערס!

**יעדער מענטש מיט אביסל שכל אין קאפ פארשטייט עס. שטעלט אייך פאר אן ערפארענער פעלד-ארבעטער וואס נעמט טייערע זוימען און ווארפט עס אריין אינמיטן א פעלד פיל מיט ווילדע דערנער. קען עפעס ארויסוואקסן דערפון? די דערנער וועלן דאך גלייך דערשטיקן די פרישע שוואכע זוימען!** דאס זעלבע צייגט אונז דער נביא: דו קענסט נישט פלאנצן "דברי קדושה", הייליגע מחשבות און השגות, אין א הארץ וואס איז פול מיט "קוצים" - מיט די דערנער פון תאוות היצר און שמוציגע מידות!

**מ'מוז** קודם "אקערן" די פעלד! מ'מוז נעמען דעם פראקטישן בעזעם און די הייסע וואסער וואס מיר האבן דערמאנט אינעם משל, און ארויסרייסן די דערנער. מ'מוז רייניגן די דירה און דאן, ערשט דאן, קען מען פארזייען די הייליגע זוימען וואס וועלן וואקסן און בליען.

**דער** געדאנק ווארפט א הערליכע ליכטיגקייט אויף די ווערטער פונעם נעים זמירות ישראל אין תהלים (פא, י-יא): "לֹא יִהְיֶה בְךָ אֵל זָר וְלֹא תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר. אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ."

**עס** פרעגט זיך א געוואלדיגע קשיא, וואס יעדער לערנער דארף באמערקן: **ביים מעמד הר סיני, ווען מיר האבן באקומען די לוחות, איז דער סדר געווען פארקערט! קודם האט דער באשעפער געזאגט "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ" - עשה טוב, מקבל זיין מלכות שמים - און ערשט נאכדעם די אזהרה פון "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים" - סור מרע. נו, פארוואס דא אין תהלים דרייט דוד המלך ארום דעם סדר? ער הייבט אן מיט די לאו פון "לא יהיה בך אל זר" און ערשט דערנאך זאגט ער דעם רייכן הבטחה פון "אנכי ה'... הרחב פיך ואמלאהו"?**

**אבער** מיט אונזער משל, און מיט די ווערטער פון חז"ל, ווערט דאס אזוי קלאר ווי דער ליכטיגער טאג! די הייליגע

חז"ל פרעגן (שבת קה ע"ב): **"איזהו אל זר שיש בגופו של אדם? הוי אומר זה יצר הרע!"** דער אל זר, דער פרעמדער אפגאט, ליגט נישט ערגעץ אנדערש, עס ליגט אינעווייניג אין גוף - דאס איז דער יצר הרע, די פוילע שמוץ וואס פארשטאפט דאס הארץ.

**ווען א מענטש וויל זוכה זיין צו "הרחב פיך ואמלאהו" - ער וויל אויפמאכן זיין מויל צו טרינקען מיט דארשט די שפע פון תורה און קדושה** (ווי אריינלוברענגען דאס גאלדענע בילד)**, מאנט פון אים דוד המלך: האלט איין! "לֹא יִהְיֶה בְךָ אֵל זָר"! דו קענסט נישט אריינברענגען דעם "אנכי ה'" כל זמן דיין דירה איז פול מיט דעם שטינקיגן אל זר! די תורה הקדושה קען נישט רוען צוזאמען מיט א נארישע יצר הרע.** דו מוזט קודם כל דורכפירן דעם צוברעכן פון דיינע שלעכטע רצונות, זיך מתגבר זיין אויף די תאוות - און נאר דעמאלטס וועסטו זוכה זיין צום גילוי שכינה פון מילוי הלב באור ה'. אויב נישט... וועט קומען דער שטורעם פון נסיונות און דערטרינקען דיין גאנצע תורה אין די בלאטע, פונקט ווי יענער אומגליקליכע קונסט-ווערק.

**וויאזוי** אבער ווערט די דירה אזוי שמוציג פון אנהייב? פון וואו קומט אריין די אלע פוילע בלאטע צו מאכן א חורבן? דער תירוץ ליגט ביי די פרשה וואס מיר זאגן יעדן צופרי און ביינאכט (במדבר טו, לט־מ) אין קריאת שמע: " וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם. לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי, וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם.

**דער** פסוק זאגט אונז **"ועשיתם את כל מצותי"**, און דאס זעלבע שטייט דאך שוין איין פסוק פריער **"וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם"**? און פארוואס ענדיגט די תורה טאקע דא מיט **"והייתם קדשים לאלקיכם"**? פארוואס נישט ביי הלכות שבת אדער כשרות?

**דער** ענטפער איז טיף און פשוט צוגלייך. די אויגן פונעם מענטש - דאס זענען די ברייט-אפענע פענסטערס פון זיין הייליגע נשמה, די טויערן צו זיין אינערליכן הויז! ווען א מענטש גייט ארויס אויפן גאס, און ער לאזט זיינע פענסטערס אפן פלאטשיג-ברייט צו יעדע שמוציגע, אומריינע זאך וואס וואלגערט זיך אויפן גאס; אויב יעדע שטיק עקל, ניבול און זוהמא קען פשוט אריינשפאצירן אן קיין שום מניעה, דאן וואס טוט ער בעצם? ער לאזט דאך אומגעשטערט אריין אלע קוואנטומס פון די געפערליכסטע גייסטיגע בלאטע און צואה גראד אינעווייניג אין זיין הייליגן מח און הארץ! עס ווערט א חורבן און א שממון, אן אמת'ע בלאטע אינעווייניג אין זיין גוף.

**און** דא קומט די הייליגע תורה און לערנט אונז א געוואלדיגע, יסודות'דיגע אמת וואס דארף אונז אויפטרייסלען אלע ביינער:

**יא, ס'איז אמת, קענסט כאפן מצוות, קענסט טון גוטע מעשים און לייגן טייערע "קונסט-ווערק" אין דיין שטוב. אבער די אמת'ע 'אמיתות' פונעם קיום המצוות, די טיפסטע, העכסטע תכלית פארוואס די אלע הייליגע מצוות זענען אונז געגעבן געווארן - וואס דאס איז כדי דיך צו דערהייבן און ברענגען צו א לויטערע דביקות אינעם באשעפער ברוך הוא, מקיים צו זיין דעם רצון העליון פון "וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים" און זיין ריין און הייליג - דאס אלעס קען נאר פאסירן, און קען נאר עקזיסטירן, בלויז ווען דו היטסט דיינע אויגן און דיין הארץ מיט אן אמת'ע מסירת נפש!**

**נאר** ווען דאס געוויסן איז ריין, און מען שטעלט אן אייזערנעם וועכטער ביים שוועל פון די אויגן נישט אריינצולאזן קיין שמוץ, נאר דעמאלטס איז דאס אינערליכע הויז ליכטיג און ריין גענוג, דאס פלאץ איז א כלי קיבול, צו קענען אריינעמען אין זיך דעם לעכטיגן אור ה' וואס זאל באשיינען פונקט ווי א פאלאץ!

**ווער** ס'וויל זיין א **"כלי קודש" קען נישט ארומשפאצירן מיט אפענע אויגן און שפאצירנדע מחשבות אין די גאסן און פלאצן וואס ברענגען נאר הבל וריק.** מ'דארף איינמאל פאר אלעמאל וויסן דעם גרויסן כלל און יסוד היסודות: **די מחשבות זענען די אבות פון די תאוות, און די מעשים זענען זייערע תולדות!** יא, די מחשבה וואס א מענטש טראכט, דאס איז דער קליינער זוימען וואס פלאנצט דעם ווילדן דארן אין זיין פעלד. ס'הייבט זיך אן מיט א קליינע קוק , דאס ווערט א מחשבה, די מחשבה וואקסט אויס אלס א ברענענדיגע תאווה אינעם הארץ, און דאן קומט די ביטערע מעשה וואס פירט דעם מענטש צו בזיון און חורבן.

**אויב מיר ווילן קענען אויפהענגען דאס טייערסטע בילד פון השראת השכינה און ליכטיגקייט אין אונזער לעבן, מוזן מיר קודם היטן די אויגן, אפשליסן די פענסטערס פון די אומריינקייט פונעם גאס, רייניגן די מחשבות, און דאן וועט די שכינה אריינשיינען אין אונזערע גוף ונפש מיט די העכסטע מאס קדושה און טהרה למען שמו באהבה!**

**אהל** יעקב להמגיד מדובנא

כל הזכויות שמורות
למכון א משל זיך צו לערנען
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
musheltolearn@gmail.com